Sholem Aleichem.
Mazltov: a komedye in eyn akt.
In : Dramatishe shriftn.
Moskve, 1937.

BIBLIOGRAPHIC RECORD TARGET

YIVO INSTITUTE FOR JEWISH RESEARCH

Master negative Storage Number Y-2005- 1913.5

Sholem Aleichem, 1859-1916.
Mazltov: a komedye in eyn akt.
In : Dramatishe shriftn.
Moskve : Emes, 1937.
Pp. 181-212; 18 cm. Oysgeveylte verk / Sholem-Aleykhem ; 9 bd.

1. Yiddish drama.--lcsh
I. Russia (Federation)-Moscow II. Sholem Aleichem, 1859-1916. Selections. 1937 ;

ID : NXYH01-B19047 CC: 9114 DCF: [HBR]
CALL #: /35550 (v.9)

Reduction ratio X 10.0

מאזלטאָוו

א קאָמעדיע אינ איינ אקט

געשריבנ אינ יאָר 1899

די פארשוינען:

ב ײ ל ע, א קעכנ. אנ אלמאָנע פונ א יאָר עטלעכע אונ דרײַסיק. א יאָדערדיקע ייִדענע.

פ ר א ד ל, א שטוב-מײדל. א שוואַרצשײנעוודיקע.

ר ע ב א ל ט ע ר, אנ אָרעמער פאקנטרעגער, גיט ביכלעכ אפ פראָקאטי א ייִדל פונ א יאָר פערציק. אנ אלמענ אָדער א גאָרעש, אונ עפשער אנ אלטער באָכער. איינ האלב פאָנעם לאכט, דאָס אנדערע וויינט. טראָגט א קוי-טיקע מאנישקע מיט א צוגעלעגערט קאפעליושל. שאדכנט זיכ צו דער קעכנ.

כאיִם, א מעשאָרעס פונעם צווייטנ הויז. א יונג א כוואט מיט א „סיג-נעט״. שאדכנט זיכ צו פראדלענ.

מ י ש א } דעם באלעבאָס קינדער, א ייִנגל אונ א מײדל. ריידנ האלב
מ א ש א } ייִדיש, האלב רוסיש.

מ א ד א מ, די באלעבאָסטע אליינ. באוויַיזט זיכ מיטנ איבעריקנ אוילעמ נאָר אינ דער לעצטער סצענע אפ א ווײַלע.

די געשיכטע קומט פאָר אינ קיכ.

ערשטע סצענע

ביילע (שטייט מיט פארקאטשעטע ארבל באם אויוונ, קאָכט. זינגט א לידל).

אוי, ווו זײַט איר, מײַנע יונגע יאָרנ?
אוי, ווו זײַט איר אהינגעקומענ?
צי מיטנ פײַער פארברענט געוואָרנ?
צי מיטנ וואסער אוועקגעשווומענ?

אז אָך אונ וויי איז צו מײַנע סאָנים, אז ביילע באדארפ זײַנ א דינסט בא די יאָרנ, אונ האָבנ אפ זיך אזא באלעבאָסטע, אזא „מאדאם“, וואָס נאָר געזידלט אונ נאָר געפידלט! א שיינע נעגידעס! אנ אָרעמאנ א שטיקל ברויט וועט זי דענ געבנ? די אייגענע קינדער אפילע זשאלעוועט זי עסנ. איטלעכנ איז זי כוישעד: ראק מע נאשט, ראק מע גאנוועט! בא איר זײַנענ אלע נאשערס, אלע גאנעוועס! (זי נעמט אראָפ אינ א באזונדער טעפל פונ אלע מײַכאָלימ צו ביסלעכ). גענוג זיי זײַנ צו קרענקענ, ווי זאָגט רעב אלטער: „ווינציקער זײַנ די ווערעמ אינ קייווער“... (נעמט אראָפ נאָכ א שטיקל פלייש). נישקאָשע, מע וועט זיך באדרייענ... ע־ע־ע! ווי לאנג בינ איכ אליינ געוועזנ א באלעבאָסטע בא מײַנ טיש, מיט מײַנ מאנ פייסעכ צומ סיידער!.. (זי זינגט).

אזוי ווי ס'איז ביטער,
אז מע פעפערט ניט די פיש,
אזוי איז ביטער,
אז מע זיצט בא א פרעמדן טיש.

אזוי ווי ס'איז ביטער
יויך אָן א פאן,
אזוי איז ביטער,
אז מע זיצט אָן א מאן.

אזוי ווי ס'איז ביטער,
אז דאָס עסן שמעקט מיט רויך,
אזוי איז ביטער,
אז מע ארבעט איבערן קוי'ך.

אזוי ווי ס'איז ביטער,
אז דאָס עסן האָט קיין טאם,
אזוי איז ביטער,
אז מע דינט בא אזא „מאדאם"...

ווער קלאפּט דאָס דאָרטן אין דער טיר? מיסטאמע רעב אלטער. א טײַערער ייִד, א קאָשערער, אן ערלעכער, אָן כאָכמעס. האָרעוועט נעבעך אפן שטיקל ברויט, ווייסט ניט פון קיין וועלט צו זאָגן, גלײַך מיט מיר... (עפנט די טיר. עס קומט ארײַן רעב אלטער פון דרויסן מיט א פעקל ספאָרים אונטער דער האנט).

צווייטע סצענע

רעב אלטער (לייגט אָפּ דאָס פעקל אפּ א זײַט, מאכט צורעכט דאָס בערדל, ווישט זיך דעם שווייס מיט א רויטער פאטשיילע). א גוטנאָוונט אײַך, ביילע-לעבן! וואָס מאכט איר גוטס? איך גיי פארבײַ, איך זע, עס לײַכט זיך, טראכט איך מיר, מע דארף ארײַנ-

גיין אפּ א ווײַלעטשקע... א גאנצן טאָג איז מען אפּ די פיס, פון שטוב צו שטוב, מע מיינט טאָמער — דיזן, דאזן, דאָס און יענץ... וואָס איז בא אײַך פאר א יאָנטעוו, ביילע, וואָס איר קאָכט אזוי שפעט?

ביילע. ווייסט זיי דער שווארצער יאָר! א סימכע פלוצעם, פארשטערט זאָל איר ווערן!.. געקומען א כאָסן אָנקוקן אונדזער מאמזעליכן. עפּעס איינער א שווארציאָר מיט קנעפּלעך, ווייסט דער רועך דעם טאַ:ן... אָט וועט ארײַנגיין פראדל, זי ווייסט... זיצט, רעב אלטער, זעצט זיך. טאָמער וועט איר טרינקען א גלעזל טיי? צי א גלעזל מילך? צי עפּשער ביידע זאכן אינאיינעם? און עפּשער גאָר צובײַסן, עפּעס נעמען אין מויל ארײַן? (זי רוקט אים אונטער אלע גוטע זאכן).

רעב אלטער. א דאנק, לעמײַ זאָלט איר זיך מאטריעך זײַן, ביילעניו? איך בין גאָר ניט אזוי שטארק הונגעריק. נאָר גאָרניט, אויך די אייגענע מײַסע, ווי זאָגט ער: אז אײַך איז ליב, איז מיר ניכע... (עסט). איז בא אײַך, הייסט דאָס, הײַנט א שטיקל יאָנטעוו? מאכטייסע, לאָז זיי גאָט העלפן, וואָס האָב איך צו זיי? אײַ, איך לייז בא זיי קיין געלט ניט? לעמײַ ס'איז דאָ, קיין אײַנאָרע, א סאך אזעלכע סטיקראטן, וואָס איך לייז בא זיי קיין געלט ניט? אָט, אשטייגער, כאפּט אָן אײַער מאדאמשע... זי פלעגט מיר אמאָל געבן צו לייזן פאר ביכלעך גאָר א סאך געלט. נאָר פון א צײַט, אז זי האָט אופגעהערט צו פארשטיין זשארגאָן. פון זינט זי איז געקומען פון אויסלאנד, האָט זי פארגעסן אונדזער לאָשן, גלײַך ווי זי האָט שוין פערציק יאָר ניט געהאָרכט קיין ייִדיש וואָרט... אָט דאָס אויסלאנד, הערט איר, איז פאר אונדזער פארנאָסע אן אומגליק!

ביילע. ווו האָבן זיי צײַט צו לייענען ביכלעך, אז טאָג ווי נאכט ווייקט מען זיך אין די קאָרטן? קומט אפּ דער נאכט, קלײַבט מען זיך צונויף אלע: פײַנקוגל און כינקיס און שטרודל און בייגלמאנ און קנאקניסל, און מע

קלאפּט אין „סטוקלקע“, קלאפּן און סטוקען זאָל זיי אין קאָפּ, ריבוינעשעלוילעם! איך דאַרף שטיין באַם אויוון: קאָך זיי, בראָט זיי, בראָטן און ברענען זאָל זיי אפן הארצן!.. עפּשער וועט איר נעמען, רעב אלטער, א גלעזעלע בראָנפן, ס'איז געבליבן פון נעכטן? (זי בייגט זיך אָן, נעמט ארויס, גיסט אים אָן א גלעזל. ער פארזוכט).

רעב אלטער. א דאנק, לעמײַ זאָלט איר זיך מאטריעך זײַן? (ער קערט איבער דאָס גלעזל). הערט איר, ביילע, ס'איז גאָר ניט קיין שלעכט ביסל בראָנפן, ווי איר זעט מיך לעבן! (זי גיסט אים אָן נאָך א גלעזל). א דאנק, לעמײַ זאָלט איר זיך מאטריעך זײַן?.. ס'איז ביטערע צײַטן, זאָג איך אײַך, עך-עך-עך!.. אמאָל פלעגט מיר אָנקומען א גאנצער טראנספּאָרט מיט ראָמאנען פון דער ווילנאָ, פלעג איך זיי פארצוקערן. און הײַנט, ווייסט דאָס דער גוטעריאָר, פון זינט די ציעניסטן האָבן אָנגעהויבן ארויסגעבן זייערע ביכלעך, איז מײַן פּארנאָסע שטארק געשלאָגן... נא דיר ציעניסטן!.. נננע!

ביילע. ציבעליסטן? וואָס איז דאָס, רעב אלטער, פאר אן אָנשיקעניש אזעלכעס?

רעב אלטער. ציעניסטן — דאָס זײַנען די ציעניסטן, וואָס פארנעמען זיך מיטן ציעניזם... זיי ווילן, פארשטייט איר מיך, מיר זאָלן אלע פאָרן קיין פּעליסטינע ווילן זיי...

ביילע (שאָקלט מיטן קאָפּ). נא דיר נאָך, טאָמער איז קארג!.. אָט האָסטו דיר א בלעסטערינע אפ זייערע קעפּ, פארכאפּט זאָלן זיי ווערן!..

רעב אלטער (שלאָגט איר איבער). שא, גאָט איז מיט אײַך, ביילע, פאר וואָס שילט איר זיי? אדעראבע, זיי מיינען אונדזער טויווע טאקע... פארקערט, סע קומט זיי נאָך א דאנק, זיי ווילן העלפן די אָרעמעלײַט... דאָס פאָלק, פארשטייט איר מיך... דיזן, דאזן, דאָס און יענץ...

ביילע. הערסט? וואָס זשע שווײַגט איר? וויבאלד אזוי, לאָז זיי גאָט געבן געזונט און אלדאָסגוטס! אפ קיין שלעכט

אָרט זאָלן זיי ניט שטיין... לאָזן מײַנע באלעבאטים זײַן פאר זיי די קאפּאָרע!..

רעב אלטער. לאָז גאָט היטן! וואָס האָב איך צו זיי? אָט, לעמאָשל, האָב איך באקומען א פריש פּעקל סכוירע, ראָמאנען, אזש פון אמעריקע, פרישע, צאפּלדיקע, נאָרוואָס פון דער נאָדל ארויס. איך זאָג אײַך, פון די אנטיקן! קאפּריסן! זעמלמעל!..

ביילע (שלעפּט ארויס א פלעשל פון אונטערן בעט און גיסט אים אָן א גלעזל ווײַן). אנו, רעב אלטער, פארזוכט, זײַט מויכל, פונעם דאָזיקן ווײַן. געבליבן בא זיי נעכטן פונעם טיש...

רעב אלטער. א דאנק, לעמײַ זאָלט איר זיך מאטריעך זײַן? (פארזוכט און באלעקט זיך). הערט איר, ביילעניו, איז דאָס א גלעזל מאשקע — פון מאשקע-לאנד!.. (טרינקט און באלעקט זיך). זינט גאָט האנדלט מיט מאשקאָעס, האָט ער נאָך אזא מאשקע ניט געהאט... (קוקט אין גלעזל ארײַן און שפּיגלט זיך). ע, אפּאָנעם, די נעגידים וויסן טאקע, וואָס גוט איז? הערט איר, די קאָפּאָטע פארזעצן — און א נאָגיד זאָל מען זײַן!.. אז ס'איז יאָ אזוי, טאָ לאָמיר זײַן געזונט! (קערט איבער דאָס גלעזל). הערט איר? דאָס איז ווײַן! דאָס איז א מין מאשקע, וואָס מע קאָן עס אָנרופן ווײַן, עס האָט אין זיך אלע אָפּשניצלעך פון... פון... א גלעזל ווײַן (באלעקט זיך). דיזן, דאזן, דאָס און יענץ...

ביילע (גיסט אים אָן נאָך א גלעזל). נישקאָשע, טרינקט נאָך איין גלעזל. זשאלעוועט ניט, פאראן בא זיי אין קעלער גענוג... זיי מעגן דאָס אויסקרענקען געזונטערהייט!

רעב אלטער (מיט א פריילעך פּאָנעם). לאָז גאָט היטן! וואָס האָב איך צו זיי? לאָזן זיי טרינקען. לאָזן ייִדן טרינקען געזונטערהייט... א ייִד איז ניט קיין גוי. א ייִד, אז ער נעמט א ביסל מאשקע, איז גאָרנישט, מאכטייסע... ער טרינקט זיך אויס א גלעזל, צוויי גלעזלעך, צי אפילע דרײַ גלעזלעך — און שא, שטיל, טשעפּעט ניט קיין פליג אפ דער וואנט... שיקער? פע! שיקער קיינמאָל ניט! קיינמאָל ניט שיקער!..

ב ײ ל ע (דערגיסט אים דאָס גלעזל). קײנמאָל ניט!

ר ע ב א ל ט ע ר. אקעגן וואָס, הײסט דאָס, איז דאָס געקומען צו רײד? יאָ, אקעגן דעם, וואָס איר זאָגט: מע האָרעוועט... מע האָרעוועט איבערן קויעך... אָט, לעמאָשל, כאפט אָן, צום בלײַשטיפט, א יונגע אלמאָנע, ווי איר זײַט... וואָס? ווער? וועמען? גאָרנישט... דיזן, דאזן, דאָס און יענץ... הערט איר? איך וואָלט דאָס אײַך ניט געזאָגט, נאָר אונטער פיר אויגן זאָג איך אײַך... די מײַסע פון דער געשיכטע איז אזוי. ביזוואנעט איז דער שיר, פרעג איך אײַך, צו זײַן בא יענעם?.. ווידעראמאָל געקאָכט וועטשערע, און אָבעראמאָל וועטשערע... צײַט אמאָל אלײן אן א ײ ג ע נ ע וועטשערע, אן אײגן שטיקל אויוון. דיזן, דאזן, דאָס און יענץ... איר פארשטײט?

ב ״ ל ע. יאָ, איר זײַט אוואדע גערעכט, רעב אלטער. אן אײגענע פּאָמוניצע איז אוואדע ליבער פון א פרעמדער שיסל. וואָס קומט אָבער ארויס? א וויסטע אלמאָנע. מאָ אָנו, מע כאיעינו?

ר ע ב א ל ט ע ר. אים קײן, איז וואָס? אן אלמאָנע איז דען קײן מענטש ניט? פארקערט, אן אלמאָנע איז נאָך, אדעראבע, מער סכוירע... מיצאד ראכמאָנעס... (מאכט מיט די הענט). מיצאד דיזן, דאזן, דאָס און יענץ...

ב ײ ל ע. ווײס איך וואָס? ווער וועט זיך קוואפּען אף מיר מיט סאכאקל צוויי הונדערט שמארדאָווענצעס? נישט מער זאָלן מײַנע באלעבאטים פארמאָגן, ריבוינעשעלוילעם...

ר ע ב א ל ט ע ר (באָכערט זיך). ע, זאָגט דאָס נישט, בײלע־לעבן!.. וויאזוי מע וויל, לײענט מען דאָס בריוול. צוויי הונדערט קארבן איז הײַנטיקע יאָרן א קאפּיטאל, און צו אזא קאפּיטאל, ווען גאָט שיקט אײַך צו, קעדוימע לעמאָשל, א לײַטישן יונגנמאן, א מענטשן אן ערלעכן, א מענטשן מיט א געשעפטל אין דער האנט... א מענטשן, וואָס פארשטײט איר מיך... (מאכט מיט די הענט). דיזן, דאזן, דאָס און יענץ...

ב ײ ל ע. אשטײגער, קעדוימע לעמאָשל?..

ר ע ב א ל ט ע ר (באָכערט זיך). אשטײגער, קעדוימע לעמאָשל, איך זאָל אײַך אָנכאפּן, נאפּשיקלאד, אזא מין מענטשל, וואָס האָט א געשעפטל. נישט קײן גרויס געשעפט, נאָר אזוי, א פּײַנס, א שטילס, א רויִקס... וואָס האנדלט מיט אזא מין סכוירע, וואָס מע גיט דאָס אף פּראָקאט... אף איבערלײענען... נו, קעדוימע לעמאָשל, ביכער, ראָמאַנען!.. (מאכט מיט די הענט). דיזן, דאזן, דאָס און יענץ...

ב ײ ל ע (פארטראכט זיך, ווישט זיך די נאָז מיטן ארבל פון אונטן ארויף). איר רעדט עפּעס, רעב אלטער, אזעלכע ווערטער... פארשטעלט... איך קאָן ניט פארשטײן... טרינקט, איך בעט אײַך, קוקט ניט אף קאָוועד... מיר וועלן האָרעווען, און זײ וועלן פרעסן און זויפן? עסן זאָלן זײ ווערעם! (גיסט אים אָן נאָך א גלעזל).

ר ע ב א ל ט ע ר. לאָז גאָט היטן! וואָס האָב איך צו זײ? (נעמט דאָס גלעזל). וואָס איר זאָגט, מע האָרעוועט. דערופ זײַנען מיר שוין געווינט. וואָס איז שײַעך? גאָט האָט אזוי באשאפן די וועלט, אז מיר דארפן האָרעווען, פארשווארצט ווערן, און זײ דארפן לעבן א גוטן טאָג, עסן און טרינקען, און דיזן, און דאזן, און דאָס, און יענץ... פארדריסן פארדריסט נאָר דאָס, וואָס ס'איז בא זײ ניט אָנגעלײגט אונדזער האָרעוואניע. לעמאָשל, אָט נעמט א פערד, לעהאוודל, האָרעוועט אויך איבערן קויעך. זעט זשע אָבער, ווי מע קיכלט עס, מע גלעט עס, מע גיט דעם עסן, און טרינקען, און דיזן, און דאזן, און דאָס, און יענץ...

ב ײ ל ע. איר רעדט עפּעס, רעב אלטער, טאָמעד אזוי מאָדנע... פארשטעלט...

ר ע ב א ל ט ע ר. ס'איז ניט מײַנע ווערטער. דאָס האָב איך אויסגעלײענט פון א ביכל, פון די הײַנטיקע ביכלעך, וואָס זײ גיבן ארויס, אָט די ייִמאכשמויניקעס, די צעצעליסטן...

ב ײ ל ע. וואָעס? וואָס איז דאָס פאר א מאקע? א מאקע זאָל זיך זײ זעצן אפן שפּיץ נאָז!..

רעב אלטער. לאָז גאָט היטנ! וואָס האָב איכ צו זיי? פארשטייט איר מיכ, די דאָויקע — דאָס זײַנענ אזעלכע מענטש:, פארשטייט איר מיכ, וואָס קאטאָרע זיי נעמענ זיכ אָנ, אדעראבע, די קריוודע פונ די אָרעמעלײַט, פונ די ארבעטער, פאר מיר, אונ פאר אײַכ, אונ פאר די אלע, וואָס פלאָגנ זיכ אונ מור־טשענ זיכ אפ דער וועלט...

ביילע. הערסטו! וואָס זשע שווײַגט איר? לאָזנ מײַנע באלעבאטים אײַנעמענ א מיסע-מעשונע פאר זייער מינדסטנ נאָגל!

רעב אלטער. לאָז גאָט היטנ! וואָס האָב איכ צו זיי? (עס עפנט זיכ די טיר, עס קומט ארײַנ כאַיִם דער מעשאָרעס. ביילע טוט זיכ א וואָרפ צומ אויוונ. רעב אלטער קוקט ארײַנ אינ א ביכל).

דריטע סצענע

כאַיִם (דאָס קאפעליושל אפ א זײַט). א גוטער־נאָוונט זאָל זיכ אינ אײַכ ארײַנכאפנ, ביילעניו! וואָס מאכט א ייִד, רעב אל־טער? איר ווייסט? דאָס ביכל, וואָס איר האָט מיר געבראכט, איז אנ אנטיק פונ א ביכל! איכ האָב דאָס נאָר גענומענ לייע־נענ, בינ איכ אנשלאָפנ געוואָרנ זיצנדיק אפנ בענקל, ווי א געהארגעטער... (ער גיסט זיכ אָנ א גלעזל ווײַנ). גענימט עפּעס, רעב כאַיִם, פארוואָס זאָלט איר ניט געניסנ? אזוי זאָגט מײַנ מאדאמ, בעשאס זי איז מעכאבעד אירע געסט מיט ווערעמיקע ניסלעכ... ווו איז ערגעצ פראדל? (ער וויל זיכ אָנגיסנ נאָכ א גלעזל).

ביילע (גיט אימ איבער די הענט). אוועק, דו מעשומעד, ניט פונדײַנטוועגנ אָנגעגרייט!.. דערצייל בעסער, וואָס ביסטו אזוי אויסגעפוצט? וואָס הערט זיכ עפּעס בא אײַכ? וואָס מאכנ דײַנע באלעבאטימ?

כאַיִם. מיט די זײַטנ זאָלנ זיי אײַכ מאכנ!.. מע זיצט ביידע אינ דער היימ, ווי די טײַבעלעכ, אונ מע זידלט זיכ

אונ מע שילט זיכ ביז הונדערט אונ צוואנציק יאָר... (ער שלעפּט פונ קעשינקע ניסלעכ, ווארפט אינ מויל ארײַנ אונ טוט א קנאק אלע־מאָל מיט דער האנט איבער דער מאָרדע פונ אונטנ ארופ).

ביילע. וואָס איז די מײַסע?

כאַיִם (קנאקט ניסלעכ). וואָס זאָל זײַנ? גאָרניט. זי וויל קיינ פאריז. זאָגט ער: קיינ בארלינ. זאָגט זי: אינ דער ערד. זאָגט ער: ביכט א בעהיימע. זאָגט זי: דו ביסט א באלעגאָלע. זאָגט ער: אבי ניט קיינ שניידער... אפּאָנעמ, טראכט איכ מיר, זיי שטאמענ ביידע פונ גרויסנ ייִכעס, גלײַכ מיט דעמ ייִכעס פונ זייער מעכוטנ כינקיס. איר ווייסט, רעב אלטער, כינקיסעס ייִכעס?

רעב אלטער. דעהײַנע, קעדוימע לעמאָשל?

כאַיִם. דעהײַנע, קעדוימע לעמאָשל, איינ זיידנ האָט ער געהאט א פאָטאָגראפ — ער פלעגט ארויפנעמענ גרעט פונעמ בוידעמ. אונ דער אנדערער זיידע איז געווענ גובערנסקי רע־וויזאָר איבער אלע שענקענ... אָ! מע זאָל דערמאָנענ מאָשיִעכ!.. (עס קומט אָנ פונ שטוב פראדל).

פערטע סצענע

פראדל (זעט נישט כאַיִמענ. זינגט א לידל).

זיצ איכ מיר אפ א שטיינ,
עס נעמט מיכ אָנ א גרויס געוויינ:
אלע מיידלעכ האָבנ כאסענע,
נאָר איכ איינע זיצ אליינ!..

כאַיִם (ווישט זיכ די אייגנ קלוימערשט). זייער טראָווערדיק!
פראדל (זעט אימ נישט, זינגט אונ טאנצט אונטער).

אוי־וויי, מאָרגנשטערנ,
ווענ וועל איכ א קאלע ווערנ?..

כאַיִם (פונדערווײַטן).

שטיין שטיי איך, שטיי איך בא דער טיר,
קוקן קוק איך מיט אייגעלעך אפּ דיר.
הארצעניו, ליובעניו, וואָס טוט זיך דאָס מיט דיר?
צײַט פון שאבעס אָן האָסט זיך ניט געזען מיט מיר!

פראדל (זעט אים ניט).

קאָלזמאנ איך בינ א מיידל,
בינ איך שיינ און איידל.
און וויבאלד איך ווער א ווײַבל,
ווער איך שוינ אנ אָרעמ טײַבל.
אוי־וויי, מאָרגנשטערנ,
ווענ וועל איך א קאלע ווערנ?

כאַיִם (גייט איר אנטקעגנ מיט אויסגעשטרעקטע הענט). היניינ! איך בינ אָנגעברייט! איך בינ גרייט אפילע הײַנטיקנ טאָג, נעשאָמע מײַנע! דאָס בינ איך טאקע געקומענ, איך זאָל מיט דיר אָפּריידנ, מײַנ טײַער קאנאריקל, אָפּשטעלנ דאָס קנאסמאָל... א גוטנ־נאָוונט דיר, פראדל! וואָס מאכסטו, הארצ מײַנס. און ווי גייט דאָס דיר אינ געזונט, מײַנ ענגל און מײַנ שאצ, דער גײַסט פון מײַנ נעשאָמע, דאָס הארצ פון מײַנע אויגנ, ווי בא רעב אלטערנ אינ די ביכלעך שטייט געשריבנ...

פראדל. וואָס איז? וואָס ביסטו אזוי האָפּערדיק? קוק אים אָנ, ווי ער האָט זיך דאָס א ביסל אויסגעסטראָצלט, דער שיינער מעכותּנ! גוט־יאָנטעוו ראָשכוידעש קלעמעניש!.. גייסט מינאסטאמ פון צירק, אָדער געכאפּט ערגעצ א קערטל?..

כאַיִם. ווי דענ איז אנדערש, פייגעלע? א מענטש לעבט איינ מאָל, ניט קיינ צוויי מאָל, ווי מײַנ רעבע פלעגט זאָגנ, אז ער האָט ניט געהאט אפּ שאבעס און די רעבעצנ פלעגט אים באגראָבנ נײַנ איילנ אינ דער ערד...

פראדל. באגראָבנ זאָל מענ דיך!

כאַיִם. אָמיינ, אלע ווײַבער! נארעלע, הײַנטיקס מאָל

האָסטו דאפּקע ניט געטראָפנ: אינ צירק גיי איך ניט, און אינ קאָרטנ שפּיל איך ניט — ווייסטו פונ ווענ אָנ?

פראדל. פונ ווענ אָנ?

כאַיִם. פונ אייערנעכטנ אָנ... איך האָב מיר געגעבנ דאָס וואָרט, איך זאָל ניט שפּילנ מער! איבער צוויי זאכנ: ערשטנס, האָב איך ניט פאר וואָס, און אז מע האָט נישט קיינ פינגער, זאָגט רעב אלטער, קאָנ מענ קיינ פײַג נישט שטעלנ. און ווע־האשיינים, קלײַב איך איצט א גראָשנ צו א גראָשנ. צוליב דער כאסענע, נעשאָמע מײַנע... מע זאָל זיך בא מיר אויס־ציִענ פאר א גראָשנ — גיב איך ניט! עס ווילט זיך ניט שטארבנ אינ פרעמדע טאכריכימ, ווי מײַנ באָבע אָלע־האשאָלעמ פלעגט זאָגנ, בעשאס מע האָט געבעטנ בא איר א נעדאָווע...

פראדל. וואָס זשע דענ טוסטו גאנצע נעכט, אז דו פאטערסט אָפּ אלע ארבעט אינ שטוב?

כאַיִם. וואָס איך טו? איך פארנעמ זיך מיט בילדונג, טײַערע! מיט בילדונג! אָט לייענ איך איצט א ביכל, זיס ווי אײַנגעמאכטס... רעב אלטער האָט דאָס מיר געבראכט... אוי, א ביכל! (ער קושט די פינגער). כ׳בינ א גאנצע נאכט ניט געשלאָפנ. נאָר געלייענט, און געלייענט — מעכײַע נעפּאָשעס!

פראדל. עס קער שוינ זײַנ דאָס גוטע ביכל, אז ס׳איז ארײַנ צו דיר אינ די הענט ארײַנ... וואָס איז דאָס, א ראָמאנס?

כאַיִם. נאָך א מינ ראָמאנס! אינ זעקס טיילנ, מיט א נעקראָלאָג.

רעב אלטער. עפּילאָג.

כאַיִם. מיינ איך — עמפּילאָג.

פראדל. וויאזוי רופט זיך עס?

כאַיִם (טוט זיך א פאטש אינ שטערנ). סע רופט זיך אָנ מיט אזא לאנגנ נאָמענ, אז ס׳איז שווער צו געדענקענ אויסווייניק... רעב אלטער־סערדצע! וויאזוי הייסט עס בא אײַך?

רעב אלטער. ווער?

כאים. אָט א יענץ ביכל, וואָס איר האָט מיר געבראַכט אנומלטנ צו טראָגנ?

רעב אלטער. א? דאָס ביכל, וואָס איכ האָב דיר אי־בערגעלאָזט? שוינ איינ מאָל א ביכל! אנטיק שעבעאנטיק! פרימאַ! מע רײַסט דאָס בא מיר פונ די הענט! עס הייסט מיטנ נאָמענ: „דער ווילדער נעגער אינ רויטנ גארטל מיט צענ אָנגעלאָדענע פיסטאָלעטנ אונ מיט זעקס פארשאָלטענע דאַמענ אינ טויבנ-געשטאלט, אָדער דער רינג פונ שלוימע הא־מעלעכ, א העכסט-אינטערעסאנטער ראָמאנ אינ זעקס טייל מיט אנ עפּילאָג אונ מיט א ליד צום געזאנג, פארפאסט פונ ייִבּבּאָק שלוימע עסיקטרײַבער אפ דעמ ארט פונ שאָ־מער".

ביילע (א פליעסק מיט די הענט). א דונער האָט מיכ ניט

פראדל דערשלאָגנ! וואָס פאר א לאנגער נאָמענ!

כאים. שרעקט זיכ ניט, ס'איז בא זיי פאראנ נאָכ לענ־גערע, אונ אלע עפּעס אזעלכע מאָדנע קאָפּשמוינעדיקע נעמענ, צום בײַשפּיל: „דער געפאנגענער קיניג באמ פארגליווערטנ יאמ אינ דער וויסטעניש, אָדער די צעשפּאָלטענע ליפּ"... „דער שווארצער ציגײַנער מיט די זילבערנע קנעפּ אינ רײַטוואָגנ, אָדער די גלעזערנע קאטשלקע אפ פּייסעכ"... „די געשוואָלע־נע מויד פונ איר גײַנציקנ כאָסנ, אָדער דער רויטער מאמזער, פארכאפּט זאָל ער ווערנ!"

ביילע פארכאפּט מעגסטו שוינ ווערנ פאר אלע ייִדנ,

פראדל ריבוינעשעלוילעמ!

כאים. אָמיינ, אלע ווײַבער! אקיצער, ס'איז א ביכל, זאָג איכ דיר, הערסטו, פראדל, די פינגער צו קושנ!

פראדל. וואָס זשע באשרײַבט זיכ דאָרטנ אינ ביכל? ביסט ניט קראנק צו דערציילנ!

כאים. דאָרטנ באשרײַבט זיכ... ס'איז שווער צו גע־

דענקענ אפ אויסווייניק... עפּעס וויאזוי א פײַנער באָכער פונ א יאָר עטלעכע אונ צוואנציק...

רעב אלטער. אכצנ.

כאים. ראָמאנסירט מיט א מיידל פונ א יאָר נײַנצנ...

רעב אלטער. זיבעצנ.

כאים. א שיינ מיידל, אנ עפּעלע, מיט כיינ־גריבעלעכ אינ די בעקלעכ, א בלאָנדינקע מיט שווארצע האָר...

רעב אלטער. מיט בלאָנדע האָר.

כאים. מיינ איכ, א בראָנעטקע מיט בלאָנדע האָר...

פראדל. וויאזוי הייסט זי?

כאים. וויאזוי הייסט זי? נאָרוואָס ארויסגעפלויגנ פונעמ קאָפּ... זי ליגט מיר אפנ צונג... וויאזוי הייסט זי, רעב אל־טער?

רעב אלטער. ווער?

כאים. אָט יענץ מיידל, וואָס בא מיר אינ ביכל?

רעב אלטער. סעראפימא.

כאים. יאָ, יאָ, איכ האָב טאקע געוואָלט זאָגנ אזוי... עס באשרײַבט זיכ דאָרט, וויאזוי דער באָכער פארליבט זיכ אי־נעמ מיידל... דאָס מיידל פארליבט זיכ אינעמ באָכער... דער באָכער וויל כאסענע האָבנ פארנ מיידל... דאָס מיידל וויל כא־סענע האָבנ פאר באָכער... ווילנ זיי, הייסט עס, ביידע... טרעפט זיכ איינמאָל א מײַסע, דער באָכער באגעגנט זיכ מיטנ מיידל ערגעץ אינ אנ אָרט — דאכט זיכ, אז אינ קיכ?.. איאָ, רעב אלטער?

רעב אלטער. הא? וואָס?

כאים. ווו באגעגנט ער זיכ דאָרטנ אינ אײַער ביכל, יע־נער באָכער מיט דער מויד? איאָ, אינ קיכ?

רעב אלטער. אינ פאריז אינ די בעדער... באמ גראפ סאליס אינ פאלאץ... אינ א גאָרטנ פונ לימענעס מיט פּאָ־מעראנצנ.

כאים. אזוי גאָר? בעקיצער, איז זיכ מעיאשעוו ער, מײַנ

באָכער, הייסט דאָס, און איז ניט פויל אפ דער פּעג און כאַפּט זי ארום אָט אזוי! (ווייל ארומנעמען פראדלען).

פראדל. אוועק, דו שארלאטאן!..

רעב אלטער. ניין, כאסוועשאָלעם, ניט אזוי... פריִער פאלט ער איר צו די פיס...

כאַיִם. איך האָב דיר נאָר געוואָלט ווייַזן, וויִאזוי דער באָכער נעמט ארום דאָס מיידל דאָרט אין ביכל...

פראדל. ווער די קאפּאָרע!.. געקומען אפן גרייטן... גיי זע בא לייַטן, ווי סע פירט זיך... אָט איז געקומען צו אונדזער באָרישניע א כאָסן אזש פון אלדי שווארצע יאָר... פארשפארט מיט איר אין איין כיידער פון אינדערפרי אָן...

כאַיִם. פון אינדערפרי אָן? טאטעניו! וואָס אזוי לאנג? וואָס טוען זיי דאָרטן, קעצעלע מייַנס?

פראדל. איך זאָל אזוי וויסן פון דיר! איין וואָרט האָב איך געכאַפּט, בעשאס איך האָב זיי אהין דערלאנגט טיי...

כאַיִם. וואָס פאר א וואָרט?

פראדל. אז איך וועל דיר זאָגן, וועסטו באלד וויסן! „זשיוואָפּרי"...

כאַיִם. זשיוואָפּרי? אהא, איך ווייס שוין! אפ אונדזער לאָשן איז דאָס אלציינס, ווי מע זאָל זאָגן: „סע ברענט מיך א טרונק"... איאָ, רעב אלטער, א טרונק?

רעב אלטער (באלעקט זיך). וואָס זאָגט איר, א טרונק? א ייִד איז ניט קיין טרינקער... מאכטייסע, א ייִד נעמט אמאָל א ביסל בראָנפן...

כאַיִם. גוט-מאָרגן, געלע, רעטעך טראָג איך! מע רעדט דאָ פון פראנצויזיש, קומט איר מיט א ביסל בראָנפן... (עס הערט זיך א קאָל פון שטוב: „פראניע, פראדל! וואָס קרעכצסטו דאָרט אין קיך, דו מויד?"...)

פראדל. קרענקען זאָלט איר פאר אלע ייִדן!.. איך גיי, איך גיי! ווי געפעלט אייַך, ווי זי קוויטשעט! איך וואש דאָס געפעס! אָט גיי איך! גיין זאָל זי אפ קוליעס!..

כאַיִם. אָמיין, אלע ווייַבער! (פראדל לויפט ארויס פון קיך. עס לויפן ארייַן מישא און מאשא).

פינפטע סצענע

מישא און מאשא (שלעפן לעקעך פון די קעשענעס, קנאקן ניסלעך, קוקן זיך ארום אפ אלע זייַטן). סמאָטרי, ביילע, זאָג ניט אויס, באָזשע סאָכראני!..

ביילע. א מאקע דער מאמען! איר זייַט נעבעך הונגעריק, טייַבעלעך?.. עסט געזונטערהייט, עסט, פייגעלעך!.. וואָס הערט זיך עפעס אין שטוב, קינדערלעך?

מישא און מאשא. גאָרניט. דער פאפא און די מאמא שפילן אין קאָרטן... דער דיאדיא קושט די שוועסטער... יעי באָגו!...

כאַיִם. טאקע? אנו, ווייַזט, וויִאזוי קושט ער זי, קעצעלעך?

מישא און מאשא. וואָט קאק! (זיי קושן זיך אין די פּיסקלעך און לאכן).

כאַיִם (פאטשט זיי אין די פלייצעס). בראוואָ! בראוואָ! מאָלאָדצי רעביאטא! אָט וואָס הייסט גוט דערצויגן קינדער! איר זאָלט זייַן ערלעכע קינדער, וואָלט איר אוועקגעלאקכנט פונעם טיש עפעס גוטע זאכן פונונדזערטוועגן: טאָרט, ניסלעך, עפּל, בארן, מאראנצן, אייַנגעמאכטס... נישקאָשע, קיינער וועט נישט וויסן... צוזישן דער מישפּאָכע וועט דאָס בלייַבן... (מישא און מאשא לאָזן זיך גיין. פראדל קומט אָן מיט א גראפין נאָך וואסער).

זעקסטע סצענע

פראדל. ברענען זאָלן זיי אפן פייַער!..

כאַיִם. אָמיין, אלע ווייַבער!

פראדל. דאָ האָט זי געשריגן „מויד", און דאָרט, פאר פרעמדע מענטשן, איז זי זיס, ווי צוקערלעקעך. „ברענג, זאָגט

זי, דושעטשקע, א גלאָז וואסער פאר דער מאדאם לאָקשנ־
קוגל"...

ביילע. וואָס מאכנ עפּעס כאָסנ-קאַלע?

פראדל. קיינ גוטס זאָלנ זיי אײַך ניט האָבנ.

כאַים. אָמיינ, אלע ווײַבער!

פראדל. די שיינע קאַלע האָט מוירע, טאָמער טוט א קוק אפ מיר דער כאָסנ, האלט זי אים פארשפּארט... נישקאָשע, ער וועט פונ איר האָבנ א וויסטנ סאָפּ. ס'איז א וויילקאלעכנ. זי וועט אים, אימירצעשעם, אויסדראפּעט די אויגנ...

כאַים. א מיצווע, לאָז זיכ אים ניט גלוסטנ, ווי מײַנ עלטערע שוועסטער פלעגט זאָגנ, בעשאס איכ האָב מיכ געוואָרגנ מיט א ביינדל... אפּאָנעם, עס וועט זײַנ טאקע הײַנט א מאזלטאָוו?.. אסיס, רעב אלטער, בעעמעס גענאָסנ! טוט א צי, ביילע, באם לינקנ אויער אונ זאָגט „לישואָסכאָ קיווּיסי"...

רעב אלטער (האָט ביז אהער געכאפּט א דרימל, געפּײַפט מיט דער נאָז. כאַפּט זיכ אופ). א דאנק! לצמײַ זאָלט איר זיכ מאטריעכ זײַנ? איכ בינ א ווינציקער טרינקער... א ייִד טרינקט נישט... א ייִד איז גאָר קיינ טרינקער נישט... די צי־צי־ציִע־ניסטנ זײַנענ זייער גערעכט... זיי זאָגנ, אז א ייִד... א ייִד ליגט אינ דער ערד, נײַנ איילנ אינ דער ערד... א ייִד איז נעבעכ טאָטאָמעד פארשמאכט, פאריאָמערט... (ער זינגט מיט אנ אומעטיקנ קאָל)

פאריאָמערט, פארקלאָאָגט,
פונ זײַנעם פאריאָאָגט...

כאַים. אָהאָ! רעב אלטער איז דאָכ טאקע רעכט אונטערנ גלעזל, כ'לעבנ! בעגילופנ!.. געמאכט, אפּאָנעם, א רעכטע קויסע?..

ביילע. ניט מיינ זאָלסטו עסנ, וויפל זיי האָבנ געטרונקענ!

כאַים. אָמיינ, אלע ווײַבער!.. ווייסט איר וואָס, רעב אלטער? אז איר זינגט שוינ יאָ, טאָ זינגט אונדז עפּעס א לידל פונ די לידלעכ! איר זײַט דאָכ א ייִד, וואָס קאטאָרע, איר האנדלט מיט ביכלעכ אונ מיט לידלעכ.

רעב אלטער. ווּעסט מיר העלפנ? איר וועט מיר העלפנ? וועל איכ אײַכ זינגענ א לידל, וואָס איז טאקע אָנגעמאָסטנ אפ מיר אליינ.

אלע דרײַ. אָכ! מאכטייסע, מיטנ גרעסטנ פארגעניגנ! (גרייטנ זיכ צו אימ מיטהעלפנ).

רעב אלטער (זינגט).

צענ ברידער זײַנענ מיר געווע־ע־זנ,
האָבנ מיר געהאנדלט מיט ווײַנ;
איינער איז פונ אונדז געשטאָרבנ,
זײַנענ מיר געבליבנ נײַנ.
אוי, שמערל מיטנ פּי־י־ידל,
בערל מיטנ באס!
שפּילט זשע מיר א לי־י־ידל
אפנ מיטנ גאס!

אלע אינייעם.

אוי, שמערל מיטנ פּי־י־ידל,
בערל מיטנ באס!
שפּילט זשע מיר א לי־י־ידל
אפנ מיטנ גאס!

רעב אלטער.

נײַנ ברידער זײַנענ מיר געווע־ע־זנ,
האָבנ מיר געהאנדלט מיט פראכט;
איינער איז פונ אונדז געשטאָרבנ,
זײַנענ מיר געבליבנ אכט.

אלע.

אוי, שמערל מיטנ פּי־י־ידל,
בערל מיטנ באס!
שפּילט זשע מיר א לי־י־ידל
אפנ מיטנ גאס!

רעב אלטער.

אכט ברידער זײַנענ מיר געווע־ע-זנ,

האָבן מיר געהאנדלט מיט ריבן;
איינער איז פון אונדז געשטאָרבן,
זייַנען מיר געבליבן זיבן.

א ל ע.

אוי, שמערל מיטן פי־י־ידל,
בערל מיטן באס!
שפילט זשע מיר א לי־י־ידל
אפן מיטן גאס!

ר ע ב א ל ט ע ר.

זיבן ברידער זייַנען מיר געווע־ע־זן,
האָבן מיר געהאנדלט מיט געבעקס;
איינער איז פון אונדז געשטאָרבן,
זייַנען מיר געבליבן זעקס.

א ל ע.

אוי, שמערל מיטן פי־י־ידל,
בערל מיטן באס!
שפילט זשע מיר א לי־י־ידל
אפן מיטן גאס!

ר ע ב א ל ט ע ר.

זעקס ברידער זייַנען מיר געווע־ע־זן,
האָבן מיר געהאנדלט מיט שטרימפּ;
איינער איז פון אונדז געשטאָרבן,
זייַנען מיר געבליבן פינף.

א ל ע.

אוי, שמערל מיטן פי־י־ידל,
בערל מיטן באס!
שפילט זשע מיר א לי־י־ידל
אפן מיטן גאס!

ר ע ב א ל ט ע ר.

פינף ברידער זייַנען מיר געווע־ע־זן,
האָבן מיר געהאנדלט מיט ביר;

איינער איז פון אונדז געשטאָרבן,
זייַנען מיר געבליבן פיר.

א ל ע.

אוי, שמערל מיטן פי־י־ידל,
בערל מיטן באס!
שפילט זשע מיר א לי־י־ידל
אפן מיטן גאס!

ר ע ב א ל ט ע ר.

פיר ברידער זייַנען מיר געווע־ע־זן,
האָבן מיר געהאנדלט מיט בלייַ;
איינער איז פון אונדז געשטאָרבן,
זייַנען מיר געבליבן דרייַ.

א ל ע.

אוי, שמערל מיטן פי־י־ידל,
בערל מיטן באס!
שפילט זשע מיר א לי־י־ידל
אפן מיטן גאס!

ר ע ב א ל ט ע ר.

דרייַ ברידער זייַנען מיר געווע־ע־זן,
האָבן מיר געהאנדלט מיט טיי;
איינער איז פון אונדז געשטאָרבן,
זייַנען מיר געבליבן צוויי.

א ל ע.

אוי, שמערל מיטן פי־י־ידל,
בערל מיטן באס!
שפילט זשע מיר א לי־י־ידל
אפן מיטן גאס!

ר ע ב א ל ט ע ר.

צוויי ברידער זייַנען מיר געווע־ע־זן,
האָבן מיר געהאנדלט מיטביינער;

איינער איז פון אונדז געשטאָרבן,
בין איך געבליבן איינער.

א ל ע.

אוי, שמערל מיטן פי־י־ידל,
בערל מיטן באס!
שפילט זשע מיר א לי־י־ידל
אפן מיטן גאס!

כ א ײ ם (אליין).

איין ברודער זײַנען מיר געווע־ע־זן,
האָבן מיר געהאנדלט מיט ספאָרים;
איינער איז פון אונדז געשטאָרבן,
האָבן מיר געטרונקען א גלעזל מאַשקע... (גיסט).
אוי, שמערל!..

א ל ע. א שיינער גראם!

כ א ײ ם. וועלן מיר נעמען צו ביסלעך מאשקע אָן א גראם. לעכאַים, רעב אלטער! לאָמיר זײַן געזונט!

ר ע ב א ל ט ע ר (טרינקט). לאָמיר טאקע זײַן געזונט!
(עס לויפן ארײַן מ י ש א און מ א ש א מיט פולע קעשענעס).

זיבעטע סצענע

מ י ש א און מ א ש א. גיי, פראדל, די מאמע רופט!
(פראדל כאפט דעם גראפין מיט וואסער און לויפט אין שטוב ארײַן).

כ א ײ ם. אנו, ווײַזט, וואָס האָט איר געבראכט?

מ י ש א און מ א ש א (ליידיקן אויס די קעשענעס). איזוואָל־טיע וואמ עפל, גרושי, אפעלסינעס. לאָווקאָ סטאשטשילי, יעי באָגו!..

כ א ײ ם (קושט די קינדער). בראוואָ! בראוואָ! מאָלאָדצי רעביאטא! אָט וואָס הייסט גוטע קינדער, געראָטענע, צו גאָט און צו לײַט! אָט וואָס הייסט פון קינדווײַז אופ גוט געלערנט!.. (ער גיסט אָן רעב אלטערן א גלעזל ווײַן און זיך אויך). טרינקט, רעב

אלטער, און פארבײַסט. לאָז אײַך ווויל באקומען, ווי אין דער הייליקער האגאָדע שטייט געשריבן. טרינקט און עסט, רעב אלטער, מע וועט בעמיילע שטארבן, ווי מײַנער א באקאנטער באלעגאָלע פלעגט זאָגן, אז מע האָט דערלאנגט צום טיש א שיסל קארטאָפליעס און סע האָט געזעצט א פארע, ווי אין באָד.

ר ע ב א ל ט ע ר. הא? און עפשער זײַט איר גערעכט. לאָמיר טאקע נעמען צו קאפלעך... לעכאַיִם, לעכאַים. גאָט זאָל געבן, יידן זאָלן זײַן יידן. וואָרעם א ייד איז גאָר אן אנ־דער מין באשעפעניש.. א ייד טרינקט ניט קיין בראָנפן, פע!.. א ייד טרינקט ווײַן... אלעמאָל ווײַן... סע קומט פייסעך צום סיידער, טרינקט ער ווײַן... און וויפל ער זאָל ניט טרינקען, איז ער טאָמעד ניכטער... (פריילעך). קיינמאָל ניט שיקער!.. איאָ, כאַימונקעלע? קיינמאָל ניט שי־שיקער!..

כ א ײ ם. כאסווטכאָלילע! וואָס הייסט, א ייד גאָר וועט זײַן שיקער?.. דערפאר דארפ מען טאקע נעמען נאָכאמאָל צו קאפלעך (ער גיסט אָן נאָכאמאָל, קושט זיך מיט רעב אלטערן, נעמט די קינדער און גייט מיט זיי א טענצל).

ר ע ב א ל ט ע ר (פליעסקעט צו און זינגט).

וואָס מיר זײַנען זײַנען מיר,
אָבער יידן זײַנען מיר.
וואָס מיר טוען טוען מיר,
אָבער עסרעג בענטשן מיר!

וואָס מיר זײַנען זײַנען מיר,
אָבער יידן זײַנען מיר.
וואָס מיר טוען טוען מיר,
אָבער געמאָרע לערנען מיר!

וואָס מיר זײַנען זײַנען מיר,
אָבער יידן זײַנען מיר.

וואָס מיר טוען טוען מיר,
אָבער דאַווענען דאַווענען מיר!

וואָס מיר זײַנען זײַנען מיר,
אָבער ייִדן זײַנען מיר.
וואָס מיר טוען טוען מיר,
אָבער זמירעס זינגען מיר!

וואָס מיר זײַנען זײַנען מיר,
אָבער ייִדן זײַנען מיר.
וואָס מיר טוען טוען מיר,
אָבער קאַפּאָרעס שלאָגן מיר!

וואָס מיר זײַנען זײַנען מיר,
אָבער ייִדן זײַנען מיר.
וואָס מיר טוען טוען מיר,
אָבער שאַבעס מאַכן מיר!

(עס קומט אָן פּראַדל און בלײַבט דערשטוינט).

אַכטע סצענע

פּראַדל (פאַלט אָן אויף כאַיִמען). צי דו ביסט משוגע? צי דו ביסט כאָסערדייע?.. פּלוצעם אינמיטנדערינען טאַנצן?.. (צו די קינדער). גייט, די מאַמע רופט אײַך. איר וועט שוין דאָרטן האָבן פאַר די מאַראַנצן!.. (די קינדער גייען אַוועק). און איר אויך, רעב אַלטער?.. פע, שעמען מעגט איר זיך. אַזאַ ייִד, קיין אײַנאָרע!

רעב אַלטער (פּלאָנטעט מיט דער צונג). אַ ייִד?.. אַ ייִד איז ניט קיין גוי... אַ ייִד זאָל טאַקע זײַן טאָמער געזונט און מײַרעך יאָמים ווענאָשים זײַן. וואָרעם אַ ייִד, וויפל ער זאָל

ניט טרינקען, איז ער קיינמאָל ניט שי־שיקער... (גיסט אָן אַ קויסע).

פּראַדל. וואָס סע האָט זיך מיר געכאָלעמט הײַנטיקע נאַכט און יענע נאַכט און אַ גאַנצ יאָר!.. דאָרט אין שטוב איז אַ מאַזלטאָוו, דעריבער באַדאַרפן זיי דאָ זשליאָקען ווײַן!.. ביילע!

ביילע. זיי האָבן גאָר אַזיפּיל ניט געטרונקען. זע נאָר! גענומען צו די ליפּן...

כאַיִם. גענומען צו די ליפּן און טאַקע באַלד אַראָפּגעשלונגען... הערט זשע אויס, רעב אַלטער. אַז מיר האָבן יאָ דערלעבט אַ מאַזלטאָוו, טאָ לאָמיר טאַקע נעמען צו ביסלעך ווײַן און טרינקען לעכאַיִם פאַר אונדז אַליין און פאַר אונדזערע אייגענע קאַלעס, און לאָמיר זיך צווינטשן איינס דאָס אַנדערע, סע זאָל זײַן מיט מאַזל. מאַזלטאָוו דיר, פּראַדל, מײַן טײַערע קאַלע, מײַן ליכטיקער שטערן, מײַן קרוין, מײַן שפּילפייגעלע! גיב מיר אַהער דײַן זיס הענטל און זאָג מיר צו, אַז דו וועסט מיר זײַן געטרײַ!..(וויל זי אַרומנעמען).

פּראַדל (שטופּט אים אָפּ). אַלע בייזע ווילסטע כאַלוימעס! אָפּאָנעם, דו ביסט שיקער?..

כאַיִם. שיקער? כאַסוועכאָלילע! ווי קומט אַ ייִד זײַן שיקער? וואָס זאָגט איר, רעב אַלטער? קאָן אַ ייִד זײַן שיקער?

רעב אַלטער (שמייכלט און באַלעקט זיך). אַ ייִד איז קיי־ קיינמאָל ניט שי־שיקער! אַ ייִד איז אַ ייִד, און דיזן, דאַזן, דאָס און יענץ...

כאַיִם (וויל אַרומנעמען פּראַדלען). עפּשער געפעלט דיר ניט, קאַנאַריקל, דער ייִכעס, וואָס איך בין אַ מעשאָרעס?.. נאַרעלע, מעשאָרסים פירן הײַנט דאָס גאַנצע רעדל... קאַרג פאַראַן בא אונדז באַלעבאַטים, וואָס זײַנען געווען אַמאָל מעשאָרסים? און מײַן באַלעבאָס אַליין, זאָל דיר צו קיין כאַ־פּע ניט זײַן, איז ניט געווען קיין מעשאָרעס?.. אַ ביסל גנייווע, אַ ביסל האַצלאָכע — כוץ זײַן שאָדן אויף מיר געזאָגט געוואָרן אין צען יאָר אַרום!.. צי, אַשטייגער, לעמאָשל, נעם דײַן מאַדאַם — ניט גע־

ו‏יען פריער אן אם ?.. הײַנט דאָקטערט זי זיך שוין און פּאָרט אין די בערער אַרײַן... נארעלע, וועסט, אימירצעשעם, אויך זײַן א מאדאם אמאָל; וועסטו זיך אויך, מיט גאָטס הילף, דאָקטערן. זײַ זיכער...

פ ר א ד ל (שטויסט אים אָפּ). בײַס זיך אָפּ די צונג !..

כ א ײַ ם, אָמיין, אלע ווײַבער ! פּאָלג מיך, קעצעלע מײַנס, לאָמיר ברעכן טעלער. מאזלטאָוו !.. ביילע ! רעב אלטער ! זאָגט אונדז מאזלטאָוו ! (שלעפּט ארויס פון קעשענע א גאָלדענע קייט און טוט אָן פּראדלען אפן האלדז). אזויווי דו ביסט איצטערט מײַן קאלע, שענק איך דיר א מאטאָנע. ס׳ליגט בא מיר אָנגעגרייט שוין פון צוויי וואָכן (ער נעמט ארום פּראדלען און טוט זי א קוש. זי שטופּט אים קלוימערשט אָפּ).

ב י י ל ע. מאזלטאָוו דיר, פראדל, פארניץ געזונט ! וואָס זאָגט איר דערופ, רעב אלטער ? (זי ווײַזט אים אפ פּראדלס מאטאָנע).

ר ע ב א ל ט ע ר. וואָס זאָל איך זאָגן ! איך זאָג, אז א ייִד... א ייִד זאָל מײַרעך יאָמים ווענאָשים זײַן... א ייִד עסט און טרינקט — און גאָר... גאָרניט... שא, שטיל... פּיש־פּיש־פּישטשעט ווי א פייגעלע... דיזן, דאזן, דאָס און יענץ.. (ער שטייט אוף און פאלט פון די פיס). א ייִד, אפילע אז ער טרינקט, איז טאָ-טאָמעד ניכטער... פלאָנטעט ניט מיט דער צונג... פאלט ניט פון די פיס... גייט גלײַך, ווי א סטרונקעלע... טוט זיך ניט א בייג נישט אהער... נישט אהין... איז בא אלע געדאנקען... וואָרעם א ייִד... וויפל ער זאָל ניט טרינקען קיין ווײַן, איז ער קיי־קיינמאָל ניט, אָבער טאקע קיינמאָל ניט ש ש־ש... אוי, א ייִד האָט א פינצטער מאזל... זיי זײַנען געדענ.ט, די צי־צי־ציִעניסטן, אז דאָס פאָלק.. אז א ייִד איז טאָ־טאָמעד אין דער ערד... טאָ־טאָמעד פארומערט, פארכוישעכט, פארוואָגלט... (זינגט אונטער דער נאָז).

פאריאָ־וואָ־מערט, פאר־קלאָ־וואָ־אָגט,
פון זא־ווײַ־נעמ. פאר־יאָ־וואָ־אָגט,
כון גאָ־וואָט דאָס פאר־שאָלטענע קינד... (אויסגעצויגן).

אוי־אוי־אוי־אוי !
אוי־אוי־אוי־אוי !...

כ א ײ ם (נעמט רעב אלטערן פאר א האנט). וואָס טויג אײַך, רעב אלטער, זײַן „פאריאָ־וואָמערט און פארקלאָג־וואָגט״? לאָזן בע-סער אונדזערע סאָנים יאָמערן און קלאָגן אפ זייערע קעפּ ! איר פּאָלגט מיך, רעב אלטער, גיסט אײַך בעסער אָן א פרישע קויסע און טרינקט לעכאיִם צו אײַער ביילען.. לאָז זײַן אין א גוטער שאָ א מאזלדיקער, איר זאָלט זיך מיט איר עלטערן אין אוישער און אין קאָוועד... איך ווייס דאָך, אז איר פּאד־קעוועט ארום איר שוין פון א האלב יאָר... א וועלט שלאָפט ניט... וואָס מאכט איר אָנשטעלן, ביילע, וואָס ברעקלט איר זיך ? לאָמיך האָבן אזא יאָר, וואָס פאר א זיוועג דאָס איז, ווי מײַן רעבעצן פלעגט זאָגן אפ איר שאָכן, בעשאס ער פלעגט זיך צעפּאטשן מיט זײַן פלוינעסטע... א זיוועג — זאָג איך אײַך !

ר ע ב א ל ט ע ר. א זיװעג מין-ה׳ :שאָמאיִם... לעכאיִם, לע־כאיִם ! (עס קומען אָן ווידער די קינדער מיט פולע קעשענעס, קנאקן ניס־לעך).

כ א ײ ם. גיט זשע איר, רעב אלטער, די האנט, און לאָז זײַן מיט גליק. פונדאנעט אין אן אייגענער שטוב, ווי לייבושל גאנעוו האָט געזאָגט, בעשאס מע האָט אים דאָס ערשטע מאָל געבראכט צו פירן אין אָסטראָג... און לאָמיר זײַן געזונט ! (ער גיסט ארײַן מיט גוואלד פּראדלען א ביסל ווײַן אין מויל ארײַן. רעב אלטער גיט ביילען פון זײַן גלעזל). רעב אלטער ! זינגט עפּעס א לידל פון אײַערע לידלעך, נאָר א רעכטס, ס׳זאָל לאָפּטשען !

ר ע ב א ל ט ע ר (נעמט אפ דער אייבערשטער אָקטאווע).

אָוו איז א פּאָטער,
קיידער איז א טאָטער,
א טאָטער איז א קיידער,
בעגאָדים זײַנען קליידער,
קליידער זײַנען בעגאָדים,
זײַד איז ניט קיין פּאָדעם..

כאַים (שלאָגט אים איבער, זינגט אליין).

פּאָדעם איז ניט קיין זייַד,
שיקער זאָלט איר זייַן ווי לויט,
ווי לויט זאָלט איר זייַן שיקער,
אין מויל זאָל אייַך ווערן ביטער,
ביטער זאָל אייַך ווערן אין מויל,
שיסן זאָל אייַך א קויל,
א קויל זאָל אייַך אויסשיסן...

פראדל. געשאָסן זאָלסטו ווערן פון גאָט!

כאַים. אָמיין, אלע ווייַבער!.. ווייסט איר זשע גאָר וואָס, רעב אלטער? זינגט אונדז דאָס פריִעריקע לידל: „וואָס מיר זייַנען זייַנען מיר!“ און לאָמיר זיך נעמען פאר די הענט אלע און לאָמיר גיין א האָפּקעלע (אלע נעמען זיך פאר די הענט און מע גייט א טענצל).

רעב אלטער.
וואָס מיר זייַנען זייַנען מיר,
אָבער יידן זייַנען מיר!

כאַים (זינגט צוזאמען מיט רעב אלטערן).
אָבער מעשאָרסים זייַנען מיר!

רעב אלטער.
וואָס מיר טוען טוען מיר,
אָבער ציצעס טראָגן מיר!

כאַים (צוזאמען מיט רעב אלטערן).
אָבער מאשקע טרינקען מיר!

רעב אלטער.
וואָס מיר זייַנען זייַנען מיר,
אָבער יידן זייַנען מיר!

כאַים (צוזאמען מיט רעב אלטערן).
אָבער שיקורים זייַנען מיר!

רעב אלטער.
וואָס מיר טוען טוען מיר,
אָבער טפילן לייגן מיר!

כאַים (צוזאמען מיט רעב אלטערן). אָבער טאנצן טאנצן מיר! (שרייַט). לעבעדיק, רעב אלטער! פולקעס! שטארקער! שטארקער! קינדער! פיסלעך, קינדער!.. (ער צעברעכט א טעלער. אלע שרייַען: „מאזלטאָוו! מאזלטאָוו! מאזלטאָוו!“ פלוצעם עפנט זיך די שטוב-טיר און עס באווייַזט זיך פריִער דער מאדאמס נאָז. נאָכדעם די מאדאם אליין).

נייַנטע סצענע

מאדאם (א פליעסק מיט די הענט). א וויסטער, א פינצטערער, א ריינער, אן אומגליקלעכער, א שווארצער, א שלימאזלדיקער מאזלטאָוו אפ אייַערע קעפּ און אפ אייַערע הענט און פיס און לייַב און לעבן!.. אזא הולטייַקע, אזא פארשיווע יידענע, אזא סמארקאטע מויד! וואָן פון מייַן שטוב! (צו רעב אלטערן). און אָט דער שלעפּער וואָס טוט דאָ?

רעב אלטער (אנגעדרודלט, פלאָנטעט מיט דער צונג). ש-ש-שלעפּער, זאָגט איר? ווי קומט א ייד צו זייַן א שלעפּער? א ייד איז קיי-קיי-קיינמאָל ניט קיין שלעפּער! קיי-קיי—קיינמאָל ניט... און וואָס איר טרייַבט מענטשן פון ש-ש-שטוב-מאכטייסע, טרייַבט, טרייַבט. נאָר אן אוולע איז דאָס פון אייַך... ווייסט איר, פארוואָ-וואָ-וואָס? ס'איז היינט אנדערע יאָרן גאָר... ניט דאָס, וואָ-וואָ-וואָס אמאָל... איר זאָלט זען בא מיר אינדי ביכלעך... די צעצעפּיסטן זאָגן... א קלאָג צו אייַער קאָפּ! דיזן, דאזן, דאָס און יענץ...

מאדאם (צו כאַימען). און דו, שארלאטאן, וואָס טוסטו דאָ? וואָן פונדאנען!

כאַים (גאנץ עלעגאנט). א דאנק פאר א קאָמפּלימענט! (די מאדאם לאָזט זיך צו אים מיט ביידע הענט, וויל צונעמען די קינדער. כאַים

נעמט זי פאר א האנט, טוט א ווונק צום איבעריקנ אוילעמ, אונ מע כאפט זי אריינ אינ רעדל אריינ אונ מע גייט מיט איר א טענצל. די מאדאמ רייסט זיכ מיט אלע קויכעס, נאָר ס׳איז אומזיסט: מע לאָזט זי נישט ארויס פונ קאָנ). **רעב אלטער! וואָס שווייגט איר? זאָגט עפּעס א גוט וואָרט!**

רעב אלטער (אופגעלעבט, זינגט).

ס׳איז היינט א נייע וועלט,
מע קוקט ניט אפ קיינ געלט,
קיינ גרויס, קיינ קליינ,
קיינ מיעס, קיינ שיינ,
קיינ אָרעמ אונ קיינ רייכ —
אלע זיינענ גלייכ!..

אלע (זינגענ אונ טאנצנ).

קיינ גרויס, קיינ קליינ,
קיינ מיעס, קיינ שיינ,
קיינ אָרעמ אונ קיינ רייכ —
אלע זיינענ גלייכ!
אלע זיינענ גלייכ!..

(די מאדאמ רייסט זיכ פונ זייערע הענט אונ שילט, נאָר מע הערט ניט איר קאָל. עס עפנט זיכ די טיר אונ עס קוקט אריינ דערשראָקנ אינ קיכ אריינ דער גאנצער אוילעמ: הערנ אונ דאמענ, אונ כאָסנ־קאלע אויכ בעסויכאָמ. אייניקע מיט קאָרטנ אינ די הענט. מע בלייבט שטיינ א ווײַלע פארגליווערט, איט־לעכער אינ אנ אנדער פאָזע. — לאנגזאמ פאלט דער פאָר־האנג).